ב"ה

סיון תשע"ד

*לשמוע אל הרינה...*

בלב מלא שבח ושירה לאבינו שבשמים שמחים אנו להגיש בפניכם דיסק מיוחד ונפלא זה אשר הינו עוד נדבך יצירתי במערכה הכבירה להרבות קדושה בישראל ולמען יהיו מחננו ובתינו שמורים וגדורים מכל פגעי הזמן המנסים לחבל ח"ו בכרם בית ישראל.

הן נודע מחז"ל ומצדיקי הדורות גודל מעלת הנגינה והזמרה המסוגלים לעורר הלבבות בערגה וכיסופים לרבון כל עולמים, שכן "עולם הנגינה" סמוך הוא ל"עולם התשובה".

דיסק זה מכיל דברי חיזוק ממרן פוסק הדור הגרש"ה ואזנר שליט"א העומד על משמר חומת הדת תמידין כסדרן.

כמו"כ מכיל דיסק זה ניגונים מרגשים המושרים בחרוזים נאים ונפלאים ובליווי מוזיקלי מקצועי אשר בעז"ה ודאי יביאו תועלת מרובה והשפעה עמוקה על לבבות השומעים להתחזק ולחזק בענין רם ונשגב זה אשר התורה כולה וקיום עמנו הק' תלויים בו.

*שמעו ותחי נפשכם!*

**ועד הרוחני דק"ק סערט ויזניץ בארה"ק**

# 1. דברי חיזוק *ממרן פוסק הדור הגרש"ה ואזנר שליט"א*

קטעים מתוך דרשה בכינוס מחנכים ז' אדר תש"ע

# 2. ונקדשתי

**לחן:** שלמה קאליש **מילים:** ברוך גנצלר
**ביצוע:** משה הומינר **הפקה מוזיקלית:** ארי פרקש

טאטע זיסער איך האב נישט קיין כח
די טרדות און פרנסה,
פארנעמען די גאנצע מח
טאג טעגליך, די קינדערלעך,
צעוויינען זיך - טאטע טאטע
מה נאכל מעתה

בערום ובחוסר, אין טרף להביא
שכר לימוד, שפייז און קליידונג,
נישטא פון ווי
קיין ארבעט, האב איך נישט,
שועת עניים תשמע
הער זיך צו, צו מיין פארווייטיגטע שטומע

ס'איז טאקע פארהאן פאכן אסאך
נישט אלץ איז כשר, נישט אלץ איז גלייך
א ארבעט וואס פארמאגט נסיונות
טאג טעגליך
צו בלייבן ערליך, איז ממש אים מעגליך

מענטשען האבן געמיינט,
נישט פאר מיר וועט עס געשען
די ביטערע תוצאות, אויף זיך אליין געזען
אז גדולי ישראל זאגן הוא השטן הוא עמלק
איז אנדערשט נישט שייך, חד וחלק

***פזמון:***
***אוי יודעלע ווי קענסטו דאס פארלאנגן***
***אזוי פיל נשמות פון דער וועג***
***אראפ געגאנגען***
***האב רחמנות אויף דיינע קינדערלעך,***
***אויף דיין הייליג נפש***
***האנדעלסט דאך מיט שמיץ, מיט טיט ורפש***

***ועשית ככל אשר יורוך***
***מיט מסירות נפש יעדן טאג און יעדן שעה***
***והייתם לי סגולה מכל העמים***
***יודיש קינד, זיי מקדש שם שמים***

שטענדיג בעט, על אלה אני בוכיה
והצלת נפשי משאול תחתיה
בעט, א הייליג שטוב זאל זיך בויען אויף
די בחינה
א בית מקדש מעט פון השראת השכינה

יעדע נסיון, ס׳קען אויך זיין פון געלט
וועט מיר נישט ארויס רייסן
פון באשעפער׳ס געצעלט
דער אייבערשטענס באפעל
- והייתם קדושים
נאר אזוי האט א מענטש א יודישע רושם.

אז מטראכט נאר אריין
- זכור אהבת קדומים
אונזערע עלטערן און זיידעס
- החסידים והתמימים
קהילות הקודש שמסרו נפשם
על קדושת השם

די חלק אלוק קען קיינמאל נישט
פארלוירן גיין
אויך ווען די רשע האט פארטריבן
די יודן אין לאגער אריין
ציבליטיגט און צישאחטן,
אבער אלץ די אמונה מ׳האט
אז שמע ישראל ה׳ אחד

אלוקים אל דמי לך
ראה נא הצאן, קוק אן דיינע שעפעלעך
כי הנה אויבך יהמיון
ומשנאיך נשאו ראש

די אויסגיטרויטענע, הייליג וועג
מיטנעמען מיט זיך אלע טעג
ביי יעדע מצב,
אפילו ס׳איז שווער אן קיין צאל
פארגעס נישט דיין שטאם
- בני בכורי ישראל.

***פזמון: אוי יודעלע...***

ועשו לי מקדש, ושכנתי בתוכם
פאר יעדער וואס וויל זיין זוכה
בקדושה וטהרה זיך היטן אלעמאל
ונקדשתי בתוך בני ישראל

זיך מיטשען און זיך פלאגן אלץ איז כדאי
צו בלייבן פארן באשעפער, א קינד געטריי
לפום צערא אגרא, זאגט מען צו דערפאר
אני ה׳ נאמן, לשלם שכר

**מקהלה:** יעקב רוטבלט, שמעון סקלאר,
יצחק פילמר, ישראל ויצמן, דוד טאוב
**הוקלט באולפני "טנור סטודיו" - מיכאל צבי**
**תודות:** יוסף ברכר, מוישי גנצלר, שאול דבלינגר,
עוזיאל שטייג, שמאי שכטר, יוסף מ. האס
**לתגובות, הערות והארות: 052-7153682**
**גרפיקה:** שלמה 052-7153894

# 3. עולם הבא

**לחן:** פנחס מרדכי וועבער **מילים:** שמעון קפל
**ביצוע:** אברהם מושקוביץ **הפקה מוזיקלית:** ארי פרקש

ארום די בעט מ׳שטייט
מיט ביטערע דמעות מ׳וויינט
פונם טאטן, זיי בעטן, אין די מינוטן
זאל זיין פאר זיי א מליץ א גוטן.

ס׳קומט די מינוט
פון ואתה עתיד
ער גרייט זיך, ער געזעגנט זיך, פון אלע
ער גייט ארויף צום בית דין של מעלה.

דער סניגור, נעמט דאסווארט
אזוי פיל מצוות געטוהן דארט
אן קיין ספק, איך בין זיכער
א בן עולם הבא אודאי איז ער.

אבער, דער קטיגור
שרייט איך בין נישט מוותר
נישט הייליג, געפירט
מיט שמוץ זיין נשמה האט ער געשמירט
ווייל מיט א טמא׳נע כלי געניצט.

על דעת המקום ועל דעת הקהל
כשם שפוסקים בבית דין של מטה
כך פוסקים בבית דין של מעלה

דער שבט הלוי דער גדול
וואס פוסק הדור איז זיין טיטל
זיין דיבור האט א כח אין הימל

ביי א דרשה ער האט געזאגט א ווארט
ווער ס׳די טמא׳נע כלים האט
אין לו חלק לעולם הבא - - -

אוי וויי, ער וויינט בדמעות
פארוואס איך האב פארברענט מיינע שעות
מיט שטותים, מיט תירוצים
איך האב נישט געפאלגט די צדיקים

ברודערלעך, טייערע,
תשובה צו טוהן - מיר האבן נאך די ברירה
זיך היטן, די מינוטן
און אלע וועגן זיין הייליג
אין עוה״ב זאלן מיר האבן א חלק

(דברי מרן פוסק הדור הגר״ש ואזנר שליט״א
נאמרו בדרשת שבת שובה תשע״ג)